**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/7/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט אז .WORKSPORT LTD וועט פארברייטערן איר פארנעם, שאפנדיג 280 נייע דזשאבס אין עירי קאונטי קאַונטי

***די איינציגע וויהיקל דעקל פאבריצירער זעט פרעצעדענטלאזע וואוקס ביי איר טאון אוו וועסט סענעקא פאסיליטי***

גאווערנאר קעיטי האקאל האט היינט געמאלדן אז Worksport Ltd. וועט אינוועסטירן 6 מיליאן דאלער און פארברייטערן איר פארגעשריטענע פאסיליטי אין די טאון אוו וועסט סענעקא, צולייגנדיג 280 נייע דזשאבס צו איר ארבעטסקראפט. די פירמע, וואס איז ארויסגערעכנט אויף די נעסדעק סטאק עקסטשעינדזש [NASDAQ: WKSP], פאבריצירט טאניו דעקלעך און סאלער-פאווערד סיסטעמען פאר פיקאפ טרעקלעך. ווארקספארט האט אריבערגעצויגן איר פאסיליטי אין 2023, אבער דארף שוין פארברייטערן צו אקאמידן א שנעלע העכערונג אין פארלאנג פאר אירע פראדוקטן. יעצט פראדוצירט עס אומגעפער 50 דעקלעך טעגליך, אבער די צוגאבע פון נייע מאנופאקטשורינג ליניעס וועט ערלויבן די פירמע צו פראדוצירן ביז 900 דעקלעך פער טאג.

"ניו יארק סטעיט שטעלט צו די סקילד ארבעטערס און קריטישע ריסאורסעס וואס קליינע ביזנעסער דארפן האבן צו וואקסן און בליען," **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "Worksport האט זיך אנגעהויבן מיט בלויז עטליכע מענטשן און א גרויסארטיגע געדאנק; בלויז עטליכע יאר שפעטער וועט נעמען הונדערטער ארבעטערס צו נאכיאגן די שטייגנדע פארלאנג פאר אירע פראדוקטן. מיר זענען שטאלץ אז Worksport וועלט אויס ניו יארק סטעיט, ערמעגליכנדיג ערפינדונג און גרינע טעכנאָלאָגיע, און נוצט אויסגעצייכנט אויס אונזערע הויכע-קוואליטעט מאנופאקטשורינג ארבעטסקראפט."

**Worksport הויפט עקזעקיוטיוו סטיווען ראסי האט געזאגט**, "Worksport's ראטע פון וואוקס האט איבערגעשטיגן אונזערע מערסט-אפטימיסטישע ערווארטונגען. מיר דאנקען ניו יארק סטעיט פארן שטיצן און גלייבן אין אונזער פירמע אזוי ווי מיר שטרעבן צו שאפן די דזשאבס פונעם צוקונפט, און די רעוואלושאנערי טראק דעקלעך וואס פארבעסערן דעם דרייוון ערפארונג."

Worksport האט אנטוויקלט א פארגעשריטענע פאסיליטי ביי 2500 N. America Drive אין 2023 צו פאבריצירן אירע הארטע שעל און בויגזאמע טראק בעט דעקלעך און אויך צוגעלייגט די אייגנארטיגע SOLIS סאלער טאניו דעקלעך, וועלכע האבן אן אינטעגרירטעד באטעריע סיסטעם צו געבן פאר דרייווערס א פארטעבל פאווער סיסטעם סיי וואו זיי פארן. די פירמע האט שנעל איינגעזען אז זי וועט דארפן צולייגן נאך אכט מאנופאקטשורינג ליניעס כדי צו ערפולן דעם אריינפלוס פון באשטעלונגען און מאכן וואקסן איר מארקעט שעיר אין די ריינע ענערגיע אינדוסטריע. די לעצטע פראיעקט ביי וועסט סענעקא פאסיליטי וועט צולייגן די הויכע-טעק מאשינערה וואס איז נויטיג צו מער פארבעסערן מאנופאקטשורינג מעגליכקייטן. די פירמע וועט אינוועסטירן אומגעפער 6 מיליאן דאלער אין א ברייטע

אויסוואל פון אויטאמעישאן טולס, ספעציעל אין די פעלד פון ראבאטיקס. דאס שניידן, בייגן, עקסטרוזשאן, און מילינג מאשינען וועט מוטיגן איר פראדוקציע שנעלקייט, קוואליטעט און רעווענץ.

Worksport'ס לעצטע פארברייטערונג פראיעקט איז ערווארטעט צו שאפן 280 דזשאבס אין פארלויף פון די קומענדיגע פינף יאר. ESD וועט צושטעלן פאר Worksport Ltd. ביז 2.8 מיליאן דאלאר אין עקסעלסיער דזשאבס פראגראם שטייער קרעדיטס אין אויסטויש פאר דזשאב שאפונגען קאמיטמענטס. שטיצנדע ריינע טעק באמיאונגען אזוי ווי דאס איז א פריאריטעט פאר ניו יארק סטעיט און איז אין איינקלאנג מיט די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט ציל פון פארמינערן גאז עמישאנס מיט 40 פראצענט ביז 2030.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט קאמישאנער פרעזידענט און CEO האופ נייט האט געזאגט,** "מערב ניו יארק האט א נאטורליכע פאדערשטע טיר פאר אינטערנאציאנאלע פירמעס, אזוי ווי Worksport, וואס זוכן צו פארגרעסערן זייער ביזנעס אין די פאראייניגטע שטאטן דורך האבן א סטראטעגיש-פלאצירטע פראדוקציע פאסיליטי. גאווערנאר האקול'ס געטריישאפט צו ציען נייע ביזנעסער דורכן שטיצן פאראויס-טראכטנדע פירמעס וועט פארזעצן צו שטארקן די עקאנאמיע, ערמעגליכן ערפינדערישקייט און גרינע טעכנאָלאָגיע, און שאפן הויכע-קוואליטעט דזשאבס אין עירי קאונטי און דורכאויס די סטעיט."

**NYPA טשעירמאן און מערב ניו יארק רעזידענט דזשאן ר. קאעלמעל האט געזאגט,** "ביליגע פאוער פון די פאוער אויטאריטעט'ס ניאגארא פאוער פראיעקט איז איינע פון מערב ניו יארק'ס גרעסטע פירער פון עקאנאמישע וואוקס. Worksport'ס פארברייטערונג אין מערב סענעקא וועט סטימולירן דעם ראיאנ'ס עקאנאמיע און שאפן די דזשאבס פונעם צוקונפט פאר ניו יארק'ס טאלאנטפולע ארבעטסקראפט".

**סטעיט סענאטאר פאטריק מ. גאליוועו האט געזאגט,** "Worksport'ס אינוועסטירונג אין עירי קאונטי טוט נישט נאר שאפן דזשאבס, נאר עס שיקט אויך פאזיטיווע מעסעדזשעס וועגן די צוקונפט פון לאקאלע מאנופאקטשטורינג אין א רעוואלושאנערי נייע אינדוסטריע. די פירמע'ס געטריישאפט צו אונזער ראיאן אינאיינעם מיט ניו יארק'ס פינאנציעלע הילף וועט בענעפיטירן איינוואוינער און די לאקאלע עקאנאמיע. איך גראטוליר יעדן וואס איז פארמישט אין די דערפרייענדע מעלדונג."

**עירי קאונטי עקזאקוטיוו מארק ס. פאלאראנץ האט געזאגט,** "Worksport'ס פארברייטערונג איז גרויסארטיגע נייעס פאר עירי קאונטי, צולייגנדיג דזשאבס און אינוועסטירנדיג אין נייע טעכנאָלאָגיע צו שטארקן פארברייטערן מאנופאקטשורינג קאפאסיטי. סאלער ענערגיע און גרינע טעכנאָלאָגיע וועט פאוער'ן דעם צוקונפט און איך דאנק גאווערנאר האקול פארן גלייבן אין דאס מאכן פאסירן גלייך דא."

נאך אינפארמאציע וועגן Worksport Ltd. קען מען טרעפן [דא].

**<u>איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט</u>**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. די מיסיע פון ESD איז צו שטופן פאר אן אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, ערמוטיגן דאס שאפן נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאר די סטעיט און אירע לאקאלע רעגירונגען, און עררייכן סטאבילע און פארשידנארטיגע לאקאלע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט אויפזען די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג

קאונסילס און די מארקעטינג פון די "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע וועגן ראיאנישע קאונסילס און עמפייער סטעיט אנטוויקלונג, ביטע באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן